יצא לאור ע"י

ישיבה ומתיבתא





"תורת אמת"

ד'ראדשיץ

ניתייסד ע"פ בקשת הרה"ק מטאהש שליט"א

ובנשיאות הרה"צ מוה"ר יחזקאל יהודה הלוי גליקמאן שליט"א

נו"נ הרה"ק סב"ק מופה"ד מרן רבינו ישכר בער ב"ר יצחק מראדשיץ זצ"ל






# ובדבר ישועה

גליון י"ג

## חנוכה

"ובדבר ישועה" בגימטריא "ראדשיץ"

## פנינים נחמדים

**הנרות הללו קודש הם ואין לנו רשות להשתמש בהם, אלא לראותם בהם בלבד כדי להודות ולהלל לשמך הגדול וגו'.**

א נשמה פון א איד ווערט אנגערופן "נרות", אזוי עס שטייט אין פסוק "נר השם נשמת אדם". "הנורת הללו" די אידישע קינדער, "קודש הם", זענען זייער הייליג, ווייל זייער שורש קומט פון כסה הכבוד, "ואין לנו", "לנו" באטרעפט 86, און "אלקים" באטרעפט אויך 86, און דאס ווארט אלקים איז מדת הדין, און דאס איז "ואין לנו רשות להשתמש בהם", אז עס איז נישטא קיין רשות פארן מדת הדין צו זיך באנוצן מיט די אידן, נאר פארוואס דען איז דא די מדת הדין? כדי די אידישע קינדער זאלן זעהן ווי די גוים ווערן געמשפט דורך מדת הדין. איז "אלא לראותם בהם בלבד", כדי צו זעהן וואס די אויבערשטער טוט מיט די רשעים, און אז מיט אונז אידן טוט די אויבערשטער נאר מדת החסד און מדת הרחמים וועט ארויס קומען די ציל פאר אידישע קינדער, אז די מדת הדין איז נאר באשפען געווארן "כדי להודות ולהלל לשמך הגדול, עכד"ק.

(קדושת ציון, פרשת וארא, ד"ה ואתה, בשם הסבא קדישא מ'ראדשיץ זצוק"ל)

**הנרות הללו אנו מדליקין.**

דארף מען פארשטיין, אין ערשטן טאג, ווען מ'צינדט איין ליכט, ווי אזוי זאגט מען 'הנרות הללו', מען צינדט דאך נאר איין ליכט. קען מען פארענטפערן, לויט וואס דער קדושת לוי זי"ע זאגט, אז ווען מיר צינדן אן דא, אויף די וועלט, די חנוכה ליכט, צינדט מען אויך אן אין הימל ליכט, ווי מיר טרעפן אין ירושלמי (ברכות פ"ד) אז די בית המקדש של מטה איז מכוון קעגן דעם בית המקדש של מעלה. לויט דעם קען מען טאקע זאגן 'הנרות הללו אנו מדליקין', ווייל ווען מ'צינדט אן אויף די וועלט ווערט אויך אנגעצונדן אויבן אין הימל.

(ויגד יעקב)

**כדי להודות ולהלל לשמך הגדול.**

מען זאגט נישט "כדי להודות ולהלל לך", נאר "לשמך", ווייל די נוטריקון פון לשמ"ך איז **ל**'וה **ש**'ואל **מ**'וכר **כ**'סותו, וואס איז מרמז צו דעם וואס דער רמב"ם (סוף פ"ד מגילה וחנוכה) און דער שלחן ערוך (סי' תרע"א ס"א) פסק'נען, אז אויב מען האט נישט גענוג געלט צו קויפן נר חנוכה, איז מען זיך מחויב צו בארגן {ל'וה}, אדער בעטן {ש'ואל}, אדער פארקויפן זיין קלייד {מ'וכר כ'סותו}.

(חנוכת הבית)

**בני בינה ימי שמונה קבעו שיר ורננים.**

מען דארף פארשטיין פארוואס רופט דא אן דער פייטן די אידן מיט דעם נאמען בני בינה.

דער מהר"ל מפראג ז"ל שרייבט אז מלכות יון האט געהאט א ספעציעלן כוח מטמה צו זיין די היכ"ל ווייל יון באטרעפט ס"ו (66) איינס מער פון היכל (65), וואס באטרעפט נאר ס"ה.

דאס ווארט בינ"ה באטרעפט ס"ז (67). יעצט ווען די הייליגע כהנים האבן זיך געשטארקט אויף די יוונים מיט זייער גרויסער קדושה און מסירת נפש, ווערן זיי אנגערופן בני בינ"ה, ווייל יעצט זענען זיי, די אידן, געווען מיט איינס מער ווי יו"ן, וואס באטרעפט ס"ו (66).

(בנין יהושע)

**מזמור שיר חנוכת הבית לדוד.**

איז די ראשי תיבות "לשמחה", דורך דעם נס איז געווען א אויפהייבונג פאר ד שכינה וואס מיינט שמחה (אפשר דהשכינה שורה מתוך שמחה). אויך זענען די ראשי תיבות "לחמשה", ווייל דאס נס איז געווען דורך די פינף קינדער פון מתתיהו, לדו"ד באטרעפט פיר און פערציג (44), ווייל די צאל פון די זעקס און דרייסיג (36), נרות חנוכה מיט די אכט (8) שמשים, איז צוזאמען פיר און פערציג (44).

(יוסף תהלות להגה"ק הרחיד"א ז"ל)

## מאי חנוכה

די גמרא זאגט (כ"א ע"ב) דעם לשון "מאי חנוכה", מא"י איז דער ראשי תיבות **מ**'אשפות **י**'רום **א**'ביון, דער זמן פון חנוכה איז דא אן התעוררות אוף די גאולה העתידה דורך משיח צדקינו.

די גמרא זאגט (סנהדרין צ"ח ע"א) אז משיח וועט קומען (בלא זכו) עני ורוכב על החמור, דאס מיינט ווי אן ארימאן וואס רייט אויף א אייזל. אויך זאגט די גמרא אז משיח זיצט צווישן די ארימע-לייט (ע"ש). דערפאר זאגט די גמרא דער לשון "מא"י" וואס דאס מיינט **מ**'אשפות **י**'רים **א**'ביון, דער זמן פון חנוכה איז די צייט עס זאל נתעורר ווערן אז דער אויבערשטער זאל דערהויבן משיח צדקינו וואס ווערט אנגערופן "עני".

(מטה יששכר)

מען קען זאגן נאך א רמז ווייל עס איז באקאנט פון דברי חיים (כ"ה ע"א וע"ב) אז דער זמן פון חנוכה איז שטארק מסוגל צו פאררעכטן אלע עבירות וואס מען האט געטאן, דער גרעסטער ארימאן איז דער וואס האט נישט קיין מעשים טובים, וואס איז פארשמירט מיט עבירות ר"ל. דאס איז דער רמז מא"י **מ**'אשפות **י**'רים **א**'ביון, צו זאגן אז חנוכה קען אפילו דער גרעסטער ארימאן {דער זינדיגער} וואס איז ביז יעצט געלעגן אין שמוץ (אשפה מיינט מיסט) פארמאגט גארנישט קיין תורה ויראת שמים, קען ער אויך האבן א תיקון.

(ספרים הקדושים)

אין שלחן ערוך (סימן תצ"ב) שטיט אז מען פירט זיך צו פאסטן בה"ב (מאנטאג, דאנערשטאג, מאנטאג) נאך פסח און נאך סוכות, וויבאלד פסח און סוכות זענען ימי שמחה, איז מעגליך אז בשעת דער פריילעכקייט האט מען חס ושלום געזינדיגט, פאסט מען אז דער אויבערשטער זאל אונז מוחל זיין. אבער ביי שבועות וואס איז נאר איין טאג (אין ארץ ישראל) אדער צוויי טעג (אין חוץ לארץ) האט מען נישט מורא אז מ'האט זיך פארזינדיגט, דעריבער פאסט מען נישט בה"ב.

און דאס איז דער טעם פארוואס אין פורים, וואס איז נאר איין טאג, האבן די חכמים יא מתקן געווען משתה ושמחה. ווייל מ'איז נישט חושש אז אין איין טאג פון שמחה וועט מען זינדיגן. אבער ביי חנוכה, וואס ציט זיך אכט טעג, האבן די חכמים נישט געוואלט מתקן זיין אז מען זאל מקיים זיין משתה ושמחה, ווייל ווייל עס קען חלילה ארויסקומען דערפון א שטרויכלונג. איז עס נאר באשטימט געווארן להודות ולהלל.

(שו"ת כנף רננה, או"ח סי' פ', ד"ה וששׁ)

## קושיית הבית יוסף ז"ל

די חכמים זכרונם לברכה האבן מתקן געווען צו צינדן די חנוכה ליכט אכט טעג, ווייל אין דעם קריגעל אויל וואס מען האט געטראפן, איז נאר געווען גענוג אויף איין נאכט צו צינדן, און דער אויבערשטער האט געמאכט א נס, און מען האט געצינדן פון דעם אויל אכט נעכט.

פרעגט אויף דעם דער 'בית יוסף', פארוואס האט מען מתקן געווען צו צינדן "אכט טעג", חנוכה ליכט, אויף איין נאכט צו צינדן איז דאך געווען גענוג אויל אין דעם קריגעל. קומט דאך אויס אז דער נס איז נאר געווען אויף די איבעריגע זיבן נעכט, וואלט מען נאר געדארפט מתקן זיין זיבן טעג חנוכה, ווייל דער נס איז דאך געווען זיבן טעג.

א) אזוי ווי זיי האבן געזעהן אז עס איז נאר דא גענוג אויל אויף איין טאג, און זיי האבן נישט געוואוסט אז ביז אכט טעג וועלן זיי נישט האבן קיין טהור'ע אויל, האבן זיי גענומען דאס קריגעל אויל, און צעטיילט אויף אכט חלקים, און יעדע נאכט האט מען נאר אריינגעגאסן אין דער מנורה אן אכט'ל פון דעם אויל, (דאס מיינט, א אכט'ל פונעם שיעור) און דאך האט דאס געברענט א גאנצע נאכט ביז אינדערפרי. ממילא קומט אויס אז אלע נעכט, אפילו די ערשטע נאכט, איז אויך געווען א נס.

(בית יוסף)

ב) לעולם האט מען אין די ערשטע נאכט אריינגעגאסן דאס גאנצע אויל, נאר באלד נאך דעם ווי מען האט אויסגעליידיגט דאס קריגעל, איז עס תיכף צוריק פיל געווארן מיט אויל. קומט אויס אז אין דער ערשטע נאכט איז אויך געווען א נס, ווייל דאס קריגעל איז אנגעפילט געווארן מיט אויל.

(בית יוסף)

ג) מען האט די ערשטע נאכט אריינגעגאסן דאס גאנצע אויל, און עס האט געברענט א גאנצע נאכט, און מארגן אינדערפרי (פונעם ערשטען טאג) האט מען געטראפן די מנורה צוריק אנגעפילט מיט אויל.

(בית יוסף)

ד) די הכנה פונעם מצוה איז א חלק פון די מצוה. אונעם ערשטען טאג האט מען זיך צוגעגרייט פאר די מצוה פון הדלקת המנורה, און די הכנה איז די עיקר חלק פון די מצוה, דערפאר איז אויך די ערשטע טאג געווען גערעכנט פאר א נס.

(תפארת שלמה)

ה) עס שטייט אין רוקח אז דערפאר שטייט נאנט-געשריבן די פרשה פון שמן זית זך נאנט צו די פרשה פונעם יום טוב סוכות, צו לערנען אז פונקט אזוי ווי סוכות איז 8 טעג, אזוי אויך איז חנוכה 8 טעג. לויט דעם איז פארענטפערט פארוואס מען האט קובע געווען חנוכה 8 טעג, ווייל בעת חז"ל האבן קובע געווען חנוכה פאר די שפעטערדיגע דורות האט השי"ת געעפענט זייער אויגן אז זיי זאלן געפינען דעם סמך און די תורה, און וויבאלד זיי האבן געזעהן אז השי"ת האט נאנט-געשריבן אין די תורה די נרות צו סוכות, האבן זיי פארשטאנען דערפון אז מען דארף קובע זיין חנוכה 8 טעג.

(בני יששכר)

ו) מען האט געזעהן צו באשטימען אויף דעם ערשטען טאג אין די טעג פון חנוכה, טראצדעם וואס דאן איז נישט געשען קיין שום נס, צו דעמאנסטרירן אז אפילו די זאכן וועלכע גייען צו בדרך הטבע זענען אויך ניסים, א נס מיינט נישט דוקא עפעס וואס גייט ארויס פון טבע, נאר אפילו די טבע זעלבסט איז אויך איין שטיק נס.

(הגאון ר' משה פיינשטיין, קול רם)

ז) מען האט נישט געקענט לייגן גלעזליך אויפן מנורה דערין אריינצולייגן אויל, ווייל דאן וואלט עס געהאט א דין פון בית קיבול וואס איז מקבל טומאה ביי א האלצערנע כלי. בלית ברירה האבן זיי געמוזט נעמען א קנויט, אים איינווייקן אין אויל, ביז עס האט זיך ארויפגעכאפט דערויף אסאך אויל, דאן אים ארויסנעמען, ארויפלייגן אויף די מנורה אזוי ווי עס שטייט און גייט, און איהם אזוי אנצינדן, דאן ווארטן ביז עס ברענט אויס, און איבערשפילן דעם פראצעדור, און אזוי ווייטער אגאנצע נאכט. למעשה איז געשען א נס אז דאס ערשטע קנויט האט נישט אויסגעברענט און עס האט נישט אויסגעפעלט דאס איבערצוטאן קומט אויס אז אין דעם ערשטען טאג איז אויך געווען א נס.

(חתם סופר)

## הפטרת שבת חנוכה

**רני ושמחו בת ציון כי הנני בא ושכנתי בתוכך.**
דורך שמחה של מצוה איז מען זוכה צו א רוח קדושה, "אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה", די שכינה רוהט נישט אויף דעם מענטש נאר דורך שמחה של מצוה (עיין שבת ל' ע"ב).

רנה ווערט אנגערופן ווען מען לערנט תורה, און ווען מען דאווענט, דאס זאגט דער פסוק "רנו ושמחו בת ציון", איר אידן פריידט אייך ווען איר לערנט תורה און ווען איר דאווענט, דורך דעם וועט זיין "ושכנתי בתוכך" וועט זיין אין אייך השראת השכינה.

(לפי הצוואריי שלל מהגה"ק הרחיד"א ז"ל)

**ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה' והשטן עמד על ימינו לשטנו.**
מען קען זאגן מען פשט בדרך דרוש, די גמרא זאגט (סנהדרין צ"ג ע"א) אז צדיקים זענען גרעסער ווי מלאכי השרת. דער טעם דערפון איז, ווייל מלאכים האבן דאך נישט קיין בחירה צו טוהן שלעכטס, אבער א מענטש האט דאך א בחירה, ער קען טוהן גוטס אדער שלעכטס, ממילא ווען דער מענטש שטארקט זיך אויפן יצר הרע, ער קלויבט אויס צו גיין דעם גוטן וועג, איז ער א גרעסערע מדריגה פון א מלאך.

דעם געדאנק קען מען מרמז זיין אין פסוק ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה', ער האט געזעהן אז יהושע כהן גדול איז געשטאנען לפני מלאך ה' פאר דעם מלאך,אויף א גרעסערע מדריגה פון מלאך. דער מלאך איז געווען אינטער איהם, אין א קלענערע מדריגה. ווייסטו פארוואס איז דער צדיק יהושע גרעסער, ווייל ושטן עומד על ימינו לשטנו, דער שטן שטייט נעבן איהם צו שטערן און איהם אנרעדן צו טוהן עבירות, אבער דער מלאך האט דאך נישט קיין יצר הרע, וועלכער זאל איהם שטערן פון עבודת השם יתברך.

(ילקוט הגרשוני)

## רמזים וגמטריאות

חנוכ"ה איז ראשי תיבות "**נ**'ר **ח**'יים **ו**'ברכה **כ**'ל **ה**'ימים", דורך נר חנוכה איז השם יתברך משפיע לעבן און ברכה אויף אלע טעג.

(מגן אברהם)

חנוכ"ה איז די ראשי תיבות פון **ח**' **נ**'רות **ו**'הלכה **כ**'בית **ה**'לל. דער פשט דערפון איז, ס'איז דא א מחלוקת צווישן די בית שמאי און בית הלל. די בית שמאי האלטן, אז אין דער ערשטער נאכט צינדט מען אכט ליכט, און דערנאך פארמינערט מען יעדע נאכט: די צווייטע נאכט זיבן, און אזוי ווייטער. די בית הלל האלטן אבער, אז אין דער ערשטער נאכט צינדט מען איין ליכט, דערנאך טוט מען אלץ פארמערן: די צווייטע נאכט צינדט מען צוויי ליכט, און אזוי ווייטער. דאס איז די כוונה פון "ח' נ'רות ו'הלכה כ'בית ה'לל".

(אבודרהם)

"להדליק נר חנוכה" מיטן כולל איז גימטריא "אור חדש". דאס איז א רמז, אז חנוכה קומט אראפ פון הימל א נייע ליכטיגקייט, אז אידישע קינדער זאלן שפירן א נייע לויטערקייט און ליכטיגקייט, אין תורה ועבודה.

(מגן אברהם)

"מלך רופא נאמן" איז בגימטריא "להדליק נר חנוכה". איז א רמז אז חנוכה איז א זמן ממשיך צו זיין רפואות פאר אידישע קינדער.

(אמרי נועם)

משי"ח איז די ראשי תיבות "**מ**'דליקין **ש**'מונת **י**'מי **ח**'נוכה". דאס איז מרומז אז די מצוה פון נר חנוכה טוט מקרב זיין ביאת משיה צדקנו בב"א.

(זרע קודש)

מק"ץ שנתי"ם זענען די ראשי תיבות "**מ**'צוה **ק**'בעו **צ**'דיקים **ש**'מאל **נ**'רות **ת**'דליק **י**'מין **מ**'זוזה".

(חקל יצחק)

נ"ר ש"ל חנוכ"ה מיטן כולל באטרעפט 670 כמנין תע"ר. תער אויף ארמישע לשון מיינט א טויער. דאס איז מרומז, אז אפילו די תורה און מצוות וואס דער מענטש האט נישט געטוהן ווי עס געהער, זענען זיי נישט ארויף אין הימל, אבער אין זכות פון נרות חנוכה ווערט פאר זיי אפן א נייע טויער, און די מצוות קענען ארויפגיין.

(חסד לאברהם, ראדאמסק)

"כי למחיה שלחנ"י ה' לפניכם", (פרשת ויגש). די מצוה פון הדלקת נר חנוכה איז מעורר מען זאל זוכה זיין צו לעבן און צו א גוטע פרנסה. דאס איז מרומז אין פסוק: שלחנ"י איז נוטריקון **ל**'הדליק **נ**'רות **ח**'נוכה **ש**'מונה **י**'מים.

(ערוגת הבושם, מקץ)

## דרשת פתיחת הזמן

### מהגה"צ ראש ישיבה שליט"א

### חורף תשע"ב

די וואכעדיגע סדרה הייבט זיך אן, ויהי חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה, שני חיי שרה.

אונז האבן אלץ א געשמאק, ביי שלש סעודות צוזאמענצובראנגען די צוויי סדרה'ס, וואס די המשך איז פון די פאריגע וואכעדיגע סדרה, און די יעצטיגע סדרה.

אבער די וואך דארף מען זיך נישט צופיל פלאגן, ווייל די וואך האט עס ממש א גרויסע המשך, און אזוי אויך טוען אלע ספרים רעדן דערפון וואס דער המשך איז, פון די פאריגע וואכעדיגע סדרה פרשת וירא מיט די יעצטיגע סדרה פרשת חיי שרה

ווי עס ווערט אנגערופן אין די ספרים הקדושים שטעלט זיך די קשיא, פארוואס האט מען צוגעשטעלט די פרשה פון מיתת שרה צו די פרשת העקידה? יעדער איינער ווייסט, ווייל 'כמעט שלא נשחט'. רש"י זאגט **שבשעת עקידה כמעט שלא נשחט פרחה נשמתה ומתה**. ווי אזוי דער עולם האט אפגעלערנט ווייס איך נישט, די עולם איז אודאי צוגעוואוינט צו לערנען, אז פון שרעק, אז שרה אמנו האט געהערט אז מ'האט גע'שחט'ן איהר זוהן, איז זי פון דעם נסתלק געווארן.

אבער דאס איז נישט דער אמת, זי האט זייער געוואלט איהר זוהן זאל זיין א קרבן, אזוי ווי די אויבערשטער וויל, איז דער יצר הרע געקומען זאגן אז מען האט נישט גע'שחט'ן, איז טייטש אז מען האט נישט גע'שחט'ן, איז אודאי דא א פגם אין איהר זוהן, אז מען האט נישט געוואלט אננעמען איהר זוהן פאר א קרבן, דאס איז סתם פשוט רש"י'ס פשט. יעצט כדי מיר זאלען קענען צוזאמשטעלן די צוויי סדרות, דארפען מיר צוריקגיין צו די פאריגע וואכעדיגע סדרה, אפשר האט מען נישט גוט אפגעלערנט די פאריגע סדרה.

פאריגע וואך הייבט זיך אהן די סדרה "**וירא אליו ה' באלוני ממרא והוא יושב פתח האוהל כחום היום**", דער אויבערשטער באוויזט זיך צו אברהם אבינו באלוני ממרא, וואס עפעס האט ער זיך דארט באוויזען? רש"י זאגט שוין פשט! יעצט שטייט ווייטער אין פסוק **והוא יושב פתח האוהל כחום היום**, ער זיצט ביים טיהר פון געצעהלט. נו! וואס גייט דא פאר? אברהם אבינו האט נישט קיין נארמאלע הויז? אלעס קען וואוינען געהעריג און ער מוז זיך זעצן נעבן א געצעהלט? וואס הייסט א געצעהלט? מענטשען וואס גייען אין די מדבריות שטעלן זיך אויף אזעלכע טענט'ס, און דארט זיצט ער. מ'האט שוין געשמוסט פאריגע וואך, און אלע ספרים וואונדערן זיך וואסארע סארט הכנסת אורחים איז דאס? אז מ'שלעפט אריין מענטשען! מיט געוואלד ! מיר וועלן יעצט נישט מאריך זיין אין דעם ענין.

נאר פאריגע וואך איז דא נאך א מוראדיגע פרשה. **ויהי אחר דברים האלה וה' נסה את אברהם**, דער אויבערשטער איז געגאנגען אויספרובירן אברהם אבינו א נסיון, וואס אונז אלע מאכן מיט א גאנץ לעבן, **ויאמר אליו אברהם, ויאמר הנני**, איך בין גרייט! וואס די גייסט מיר יעצט זאגן בין איך גרייט! שטייט ווייטער ויאמר האט דער אויבערשטער געזאגט **קח נא, את בנך, את יחדך, אשר אהבת, את יצחק**, און די גאנצע פרשה ווייטער ארויפברענגען אויף א קרבן אויפן מזבח.

זאגט רש"י קח נא, וואס הייסט נא אין נא אלה לשון בקשה, איך בעט דיר, ווען די רבש"ע זאל אונז בעטן, וואס וואלטן מיר געענפערט, ס'איז שווער, פארשטייסט אז עס איז נישט קיין גרינגע זאך, אז איך מוז נישט, בעט מיר א אנדערע זאך. און אלע מפרשים טאקע זאגן דער אויבערשטער האט איהם נישט געהייסן, **קחם נא אלי, בדברים רכים**, דער אויבערשטער האט גערעדט צו איהם שיינע ווערטער ער האט איהם אנגעווארימט, אז די **ווילסט**,

האב איך פאר דיך א נסיון, **איך בעט דיך זאלסט עס נעמען**, און איך וויל די זאלסט זייער שטארק מצליח זיין און דעם, זאלסט עס דורך מאכן.

איר ווייסט ווי אברהם אבינו האלט שוין דא, ער האלט שוין נאך א שיינע פאר נסיונות ער איז שוין פארברענט געווארן בכבשן האש, מ'האט שוין אלעס אדורך געמאכט, און עס קומט אזא נסיון, ס'וואלט זייער נארמאל געווען ווען אברהם אבינו זאגט, רבש"ע ! **איך זאג נישט גארנישט, אבער די האסט מיר געזאגט אז יצחק אבינו גייט זיין דער פון וועם דאס גאנצע כלל ישראל וועט ארויס קומען, און די בעטס מיר אזא זאך? אויב מיז איך נישט, בעט איך דיך הייס מיר נישט אזא זאך!**

אבער עס איז געווען פארקערט, אברהם אבינו האט אויסגעהערט און געמאכט די גאנצע עקידה, ס'ענדיגט זיך **ויאמר אל תשלח ידך אל הנער ואל תעש לו מאומה** זאלסט גארנישט טון צו איהם, גארנישט זאלסטו נישט טוען, קיין ריר נישט, פארוואס? ווייל **כי אתה ידעתי כי ירא אלוקים אתה** יעצט איז ביי מיר באוואוסט געווארן אז די ביסט א ירא אלוקים.

די האר פון קאפ שטעלט זיך אויף, אברהם אבינו איז דורך געגאנגען פאר איהם אלעס, אלץ געווען, גרייט פאר אלעס, און פון די דריי יאר האט אברהם אבינו אנערקענט איינעם רבש"ע. הערעשט יעצט, זעה איך אז די

ביסט א ירא אלוקים? עס איז זייער שווער צו פארשטיין,

נא! יעצט לאמיר גיין צו די אנדערע סדרה, לאמיר אפטייטשען די פסוק **ויהי חיי שרה** שרה האט געלעבט מאה שנה 100 יאר, ס'איז עפעס א אינטערעסאנטע פסוק מאה שנה 100 יאר דאס מיינט צו זאגן אז זי האט געלעבט 100 יאר נאכדעם איז זי אוועק, נאכדעם האט זי געלעבט נאכאמאל, עשרים שנה 20 יאר זי איז אוועק, נאכדעם האט זי געלעבט שבע שנים 7 יאר און זי איז נאכאמאל אוועק, נאכדעם שני חיי שרה זי האט נאכאמאל געלעבט 2 יאר, אזוי קוקט עס אויס פשוט פשט אין פסוק, זייער שווער צו פארשטיין און רש"י האט זיך אויך געפלאגט דעראויף ס'שטימט נישט אזויפיל שנה'ס מיט זאכן דא, אפשר אויף א ווערטל אז פאריגע וואך איז געשטאנען **וה' פקד את שרה** איז דאך געווען ראש השנה, זעהט אויס אז מען האט געהאלטן און איין זאגן שנה, שנה, שנה, (לשנה טובה וכו') מ'האט זיך אנגעווינטשן דא און גרויסן, איך ווייס נישט וואס סקען זיין רש"י האט אויך געקוועטש וואס דא גייט פאר.

רש"י האט נישט געטראפן קיין פשט, איז רש"י געגאנגען צום ספרים שראנק און געזוכט וואס קען זיין פשט דא, ער האט געטראפן א מדרש רבה, וואס ער האט ארויס גענומען אפטייטשען וואס שטייט דארט עס שטייט א מוראדיגע פירוש. פארדעם שטייט שנה, איבעראל ווייל עס קומט אונז צו לערנען אז שרה איז געווען בי די 100 אזוי ריין, אזוי ווי ביי די 20 און ביי די 20 שטראפט מען דאך נישט, אזוי אויך איז זי געווען ריין ביי די 100 און ביי די 20 איז זי געווען אזוי שיין ווי זי איז געווען ביי די זיבן, באמבע! וואס איז מיר א נפקא מינא ווי שיין זו איז געווען כ'פארשטיי נישט, כ'פארשטיי נאכאלץ נישט וואס דא גייט פאר דא, ווי לאנג האט זי געלעבט? וואס איז די שנה, שנה, שנה? רש"י גייט ווייטער, **שני חיי שרה** וואס איז יעצט, זי האט דאך שוין געלעבט איינמאל וואס איז יעצט? רש"י האט געשריבן 3 ווערטער **כולם שוין לטובה** אלעס איז געווען גוט. ווער ס'האט מיט געהאלטן אביסל וואס שרה אמנו איז דורך, קודם כל 100 יאר נישט האבן קיין קינדער, וואס קוים רחל אמנו האט עס איבערגעטראגן, און רחל אמנו האט געזאגט פאר יעקב אבינו **אויב געבסט מיר נישט קיין קינדער, מתה אנכי** די געבסט מיר נישט קיין קינדער בין איך א טויטער מענטש, ס'איז גארנישט קיין לעבן, און מיטגעמאכט מיט ישמעאל מיט יעדם איינעם דורכגעגאנגען, און רש"י קומט און זאגט דריי ווערטער **כולם שוין לטובה** ס'אלעס געווען גוט און פיין אין וואויל,

**ותמת שרה בקרית ארבע** זי איז אוועק, אברהם אבינו קומט צו לויפן מספיד זיין ער באוויינען, יעצט הייבט זיך אהן א דין ודברים ער האט געטראפן די בני חת, און עפרון, און אברהם אבינו שטעלט זיך אהער, איך וואלט געוואלט בעטן אויב איך קען האבן א שטיקל קבר, און די פסוק לאזט אויס **ויקם אברהם וישתחו לעם הארץ לבני חת** איך וואלט שטארק געוואלט בעטן אויב קען קען איך האבן א שטיקל קבורה, ער טרעט אפ און ער בוקט זיך. **וישתחו לעם הארץ**

ער הייבט אהן נאך א דרשה **וידבר אתם לאמר...** כ'וואלט זייער געוואלט בעטן כדארף האבן א שטיקל מערת המכפילה, ס'איז שוין מער ווי א שטיקל קבר, כ'דארף שוין מער אויכעט, עפרון זיצט דארטן און מען איז מסביר וואס דא גייט פאר, מען האט געענדיגט די פרשה, **אודך**, ער טרעט צוריק, **וישתחו אברהם לפני...** אברהם אבינו ע"ה בוקט זיך ווייטער, ער האט געטראפן א נייע הנהגה, יעדע 2, 3, מינוט בוקט מען זיך.

**וידבר אל עפרון באזני העם...** יעצט הייבט זיך אהן צו פארהאנדלען די 400 גולדן מ'האט זיך נאכאמאל געבוקט, און מ'איז ארויסגעגאנגען צו די מערת המכפילה און האט עס באקומען,

לאמיר אביסעל צוריקגיין, וואס דא גייט פאהר.

שטייט אין זוהר הקדוש **וירא אליו ה' באלוני ממרא והוא יושב פתח האוהל כחום היום"** ווי איז די פתח האהל, ער האט זיך באזעצט ביי די טיהר פונעם מערת המכפילה, ער איז דארט דורכגעגאנגען און געשפירט אז דא קומט ארויס א שטארקען גוטען טעם פון גן עדן, אונז האבן געלערנט אין פ' בראשית אז ווען דער אויבערשטער האט באשאפן אדם הראשון האט ער געמאכט שיינע ביימער אין גן עדן, זאגט די תורה ווי איז די גן עדן, ער האט געמאכט עפעס א גארטן אין א פלאץ וואס הייסט עדן, ווי דאס איז זאגט רש"י ווייסט מען נישט, קיינער וועט קיינמאל נישט וויסען ווי דאס פלאץ איז, נאר די תורה געבט סמנים.

א נהר גייט ארויס פון דארט און דאס איז די נוליס, אז איינער וויל ערגעץ אנהייבן דארף ער גיין צו מצרים צום נוליס, דאס איז געווען איינע פון די ניסים אין מצרים ווען מען איז געשלאגן געווארן מיט מכת דם, האט מען געוויסט ווי די גרעניץ איז, דארט ווי עס האט זיך געענדיגט ביז דארט גייט מצרים, די ניליס גייט ווייטער ביזן גן עדן אריין די תורה זאגט אז עס איז דא 4 פלעצער אבער דארט קען קיינער נישט אנקומען, און אברהם אבינו איז געגאנגען דארטן און ער האט געשפירט אז דא איז איינער פון די פיר פלעצער צום גן עדן, האט ער זיך נישט געוואלט אוועק גיין פון דארט, איז געגאנגען די רבש"ע אין געמוזט אהונקומען דארט, **ויהי יושב פתח האהל** וואס דאס איז די ריכטיגע אוהל, אין עס איז כחום היום, ס'איז שרעקליך די מצב אין ער האט איהם געמוזט אוועקשלעפן פון דארט, עס איז נאך נישט די צייט, די דארפסט נאך אסאך אויף טוען אויף די וועלט.

די זוהר הקדוש איז מאריך דארט, ווי אברהם אבינו ע"ה האט זיך דארט געטראפן מיט אדם הראשון, און אדם הראשון איז ארויס געקומען אין ער האט זיך זייער דערשראקן, ער האט זיך אויסגעשמואוסט מיט אדם הראשון וואס טוט מען דא, און אדם הראשון האט איהם געזאגט אז דא איז זייער א גוט פלאץ, וכו',

אין די זוהר הקדוש גייט ווייטער אריין, **ארבע מאות שקל כסף** אז דאס גייט ארויף אויף די 400 גלוסטונגען, כסף איז טייטש גלוסטן וואס דאס גיט מען פאר די נשמה ווען ער קומט ארויף אויף יענע וועלט אין ער איז ממש אויסגעגאנגען, אז ער מוז האבן די פלאטץ, און ער האט עס באקומען און ער האט דארט אוועק געלייגט שרה אמינו,

לענינינו אז מ'שטעלט זיך אויף זאגן א פתיחה דרשה דארף מען וויסן וואס איז נוגע פאר אונז די צוויי פרשת? וואס לערנט אונז די צוויי פרשת? ווי איז אונזער פתח אוהל ? ווי זיצן מיר, וואס איז די מעשה,

ב"ה אז די רבש"ע געט די זכי' אז מ'קען אנגיין נאך א זמן און עפענען די ישיבה ווי בחורים קומען אין לערנען און דאווענען און עוסק זיין אין תורה, ויראת שמים, מיט מידות טובות, און א יעדע זאך וואס איז שייך אז א בחור זאל קענען נתעלה ווערן, איז עס דאך א מוראדיגע זכי', ווער ס'איז דא האט א זכי', אין מ'דארף פשוט דאנקן דעם רבש"ע פאר יעדע זמן וואס גייט דורך אין לעבן פון א מענטש, וואס ער קען מער מצליח זיין, און מער עוסק זיין פאר זיין לעבן, צו איז עס און רוחניות, און אז ער איז צופרידן אין גשמיות, א מענטש מוז קענען לעבן אזא לעבן אז ער זאל קענען זאגן **כולם שוין לטובה**.

ס'שטייט פון הייליגער ראדישיצער זיידע די וואך, א מורידיגע ווארט, וואס איך וויל מיט דעם אנהייבען, ס'איז נישטא צופיל תורות פונעם הייליגען זיידען, די וואך איז אבער דא, בשעת מען האט געשיקט אליעזר עבד אברהם צו גיין זוכן א זיווג פאר יצחק האבן זיי איהם געזאגט, **וישם לפניו לאכול** האבן זיי אראפ געשטעלט עפעס צו עסן. **ויאמר** האט ער געזאגט **לא אכל עד אם דברתי דברי** איך קען נישט רעדן, ווילאנג איך רעד נישט מיינע ווערטער אויף וואס איך בין געקומען דא, איך בין זייער אנגעצויגן, האבן זיי געזאגט, נו! האלט נישט אויף, **דבר** רעדט! האט ער געזאגט **עבד אברהם אנכי**. דא האט זיך די פסוק געענדיגט,

האט די הייליגע זיידע געטייטשט, אליעזר האט זיך מזרז געווען, ער האט שוין געדארפט גיין אויספירן די שליחות פאר אברהם אבינו, אין ווען ער איז אנגעקומען האט ער נאך געהאלטן פארן דאווענען, זיי האבן דאס נישט געוויסט, **וישם לפניו לאכול** מען האט איהם געגעבען צו עסן, האט ער געזאגט **לא אכל עד אם דברתי דברי** איך קען נישט עסן ווילאנג איך וועל נישט רעדן מיינע ווערטער, האבן זיי איהם געזאגט נו! דאווען אפ שנעל, **דבר** דאווען אפ, האט ער זיי געזאגט, איך זעה עטס ווייסטס נישט ווער איך בין, **עבד אברהם אנכי** ווייסט וואסארא דאווענען איך זעה ביי מיין הער אברהם ? דאס געבט זיך נישט אזא זאג אפ, איך דארף מיך שטעלן דאווענען מאכן די ריכטיגע הכנות דאס גייט נישט סתם אזוי, איך קען נישט אויס לאזען גאנצע שטיקער פונעם דאווענען, איך דארף מיך אוועקשטעלן דאווענען מיט באימה ויראה, ווי א איד מיט די גרעסטע הכנות דארף זיך אוועק שטעלען, אזוי טייטשט די הייליגער זיידע.

אונז שמוסען דאך יעדע טאג אינדערפרי פארן דאווענען אביסל חיזוק אין חסידות און זייער אסאך פרעגן מ'איז מתפלל, מ'דאווענט, און נישט נאר דאס די גמרא אין ר"ה פרעגט אויך די קשיא אז עס איז דא זייער אסאך מענטשן וואס זענען מתפלל און זיי ווערן נישט געהאלפן, ענפערט די גמרא א באמבע תירוץ, וואס איז די תירוץ אז מ'ווערט נישט געהאלפן ווייל **תפלתם אינם שלימים** זייער

תפילה איז נישט אינגאנצען, אויף דעם איז שוין געזאגט געווארן זייער אסאך פשטים וואס הייסט זייער תפילה אינם שלימה ? ער איז מתפלל, און ער בעט, און וויינט, נאר וואס דען, מתפלל זיין פאר'ן אויבערשטען איז דא צוויי זאכן אויב איינער וויל געהאלפן ווערן, איינס **דארף ער באמת גלייבן בשעת ער שטעלט זיך דאווענען, אז עס שטייט איינער אנטקעגן איהם און הערט איהם אויס, אויב איז דאס נאר א צוגעוואוינטע זאך, אין ס'איז א מצוה אנשים מלומדה, ווייל יעדער טוט אזוי ווערט מען נישט געהאלפן, די ביסט מחייב צו גלייבן אז איינער הערט דיך יעצט אויס, ווען די גלייבסט באמת אז די שטייסט יעצט פארן מלך מלכי המלכים און ער הערט דיך אויס יעדס אות אין אטעם וואס די זאגסט, עס איז נישט חלילה די שפריך ווארט וואס מען איז צוגעוואנט צו זאגען, אז עס גייט אריין אין איין אויער אין חלילה ...., ווייל די רבש"ע קען אלעס מאכן ער הערט דיך אויס יעדע זאך דאן ווערט מען געהאלפן,**

**האב איך געקלערט מען קען צולייגען אויפען זיידענס ווארט, אז עס איז דא נאך א נקודה, עס קומט צו נאך א תנאי, דאס שטייט דא און פסוק ווען זיי האבן געזאגט פאר אליעזר האבן זיי איהם געזאגט ער זאל עסן עפעס, איך קען נישט עסן עד אם דברתי דברי ווילאנג איך וועל רעדן מיינע ווערטער די פראבלעם פארוואס מ'קען מתפלל זיין און נישט ווערן געהאלפן איז ווייל עס איז נישט מיינע ווערטער, ס'איז די סידור'ס ווערטער, מען זאגט וואס שטייט אין סידור, דעמאלטס ארבעט עס נישט, אזוי לאנג וואס א מענטש האלט נישט, וואס ער גייט יעצט דאווענען איז זיינע ווערטער "ער" וויל דאס זאגן און ווען ער זאגט הללוקה ער לויבט דעם אויבערשטן איז נישט ווייל די אנשי כנסת הגדולה האבן דאס אזוי אריין געדרוקט אין סידור, נאר ער לויבט יעצט דעם אויבערשטען, ער פריידט זיך מיט יעדן שטיקל וואס ער לויבט דעם אויבערשטען, און ער איז מתפלל און ער בעט, און ווען די ווערטער ווערן זיינע ווערטער דאן ווערט ער געהאלפן, און ער זעהט א ישועה, און יעדע זאך וואס ער איז מתפלל.**

איז לעניינינו דארף מען נישט צופיל מאריך זיין, אז מען זאל פארשטיין וואסארא זכי' עס איז, נאכדערצו היינטיגע צייטן אונז זיצן היי יאר חורף תשע"ב וואס די וועלט איז לײדער אפן און פריי און יעדער קען טון וואס מען וויל, אין עס איז דא היינט צוגעשטעלט פאר אלע בחורים אלע מינע סארטן ישיבת, וואס עס איז היינט דא פון אלעם גוטן, אין עס איז דא ווי מען האט היינט צופרי געשמואסט, גרויסע פלייצעס אויף דעם, וואס יעדער איינער וואס ער טראכט ער קען שוין עפעס, נעמט זיך אין מ'לערנט אויס א געוויסע סארט פרייהייט, און אז עס איז דא אזא ישיבה אזוי ווי אונזער הייליגער ישיבה "ישיבת תורת אמת ד'ראדשיץ" און מ'קומט אהער נישט קיין נפקא מינא ווי גרויס ווי קליין, אבער אז מ'קומט אהער ווייל מען וויל האבן א תכלית, עס איז א מורא'דיגע זכי', דאס ווייזט אז מיר זענען אויף די בחינה ווי אונז האלט מיר פון לא אכל עד אם דברתי **דברי** אונז האבן אייגענע ווערטער, אונז האבן אייגענע געפילן, וואס אונז ווילן ארויס ברענגען פארן רבונו של עולם, אונז האבן אונזער אייגענע בענקענישן פארן רבש"ע, אונז ווילמיר לערנען ווייל אונז ווילמיר וואקסן, אונז זענען נישט קיין בחורים! אונז זענען נישט קיין אידן! **ווייל יעדער איז אזוי,** ניין! אונז ווילמיר, אונז האבן א חיות דערין, און פארדעם זענען מיר דא, ווייל מיר ווילן וואקסן, און שטייגן, און מצליח זיין.

דא איז קיינער נישט אנגעקומען ווייל די פאליצי האט איהם דא ארויפגעשיקט, דא איז יעדער אנגעקומען ווייל ער האט אזוי מחליט געווען, און האט אזוי געוואלט, אין ער וויל לעבן א שטרעבונג און זיין לעבן, ער וויל מצליח זיין אין זיין לעבן, ער ווייסט אפשר נישט ווי אזוי, וויל ער זיך מכניע זיין, און מען זאל איהם ארויסהעלפן, אנגיין אין קענען אנקומען פארדעם איז געשטעלט געווארן אונזער ישיבה, און דאס אז ער איז דא, דאס גיבט א כח אין א חיזוק ווייטער, פאר עם אליין און פאר אונז, אז מיר זאלען ווייטער קענען אנגיין דעם בחור ארויס צוהעלפען, אז ער אליין זאל וואקסן אין ער זאל קענען אנקומען צום ריכטיגען ציל דאס איז נאר די ווערטער וואס מ'קען נוצן הודו לשם כי טוב כי לעולם חסדו אז אונז האלט מיר דא, און אז אונז קענען אנגיין ווייטער,

יעצט וועלן מיר פרובירן מסביר צו זיין צו פארשטיין וואס אונזער עבודה איז, אז מ'קומט יא און א ישיבה און מ'קומט יא ווייל מען וויל קונה זיין תורה יראת שמים מדות טובות וואס אונז זענען אלע געווען געוואוינט ביז היינט אז דאס איז א שרעקליכע בארג און קיינער ווייזט נישט וויאזוי מ'כאפט עס אן און וויאזוי גייט מען, און וואס דארף איך טוהן אזוי מען הערט די ווארט תרי"ג מצוות, איז דאך עס א שרעק איך קען ממילא נישט מקיים זיין תרי"ג מצוות מ'זאגט פאר א מענטש ווייסט אז מ'זאגט אויס גאנץ תהלים איז עס א מורא'דיגע זאך, און ער הייבט אן אבער נאך פיר פינף אדער צעהן קאפיטלעך געט ער א קוק וויפעל ער האט נאך, אין ער טראכט עה, איך וועל עס קיינמאל עס נישט מאכן, כ'האב נישט קיין צייט, נישט קיין געדילד, און ער מאכט עס צו, אזוי איז עס ביי יעדע זאך, ער הייבט אן א נייע מסכת, געבט ער א קוק, אהה דעיס ? געבט אזא מאך אוועק, ער האט נישט די געפיל, און ער האט נישט די חשק, ווייל יעדע זאך קוקט איהם אויס ווי א שרעקליכע בארג, יעדע זאך קוקט איהם אויס אויף זייער א שטארקע פארנעם, געבט ער גראד אויף, ווייל ער האט מורא אז ער וועט סייווי אדורך פאלן, פארוואס זאל איך מיר גיין פלאגן אין אדורך פאלן ? ווען עס גייט מיר סייווי נישט?.

ס'איז אבער א טעות דער אויבערשטער האט אונז נישט געגעבן א רחניות'דיגע לעבן אז אונז זאל מיר קוקן אויף די בעק סידור, דער אויבערשטער האט אונז נישט געגעבן א לעבן אז אונז זאל מיר קוקן וואס עס גייט זיין, וואס גייט ארויס קומען פון דעם, דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א חיים החיים פונעם טאג טעגליכן לעבן, יעדן טאג פון מיין לעבן דארף איך מצליח זיין איך דארף קענען זאגן וואס אברהם אבינו האט געזאגט **ואברהם זקן בא בימים** איך דארף קומען מיט מיינע טעג, זונטאג האב איך געמאכט א גוטן טאג, מאנטאג אויך, דינסטאג איז נישט אזוי גוט געווען, אבער מיטוואך יא, איך דארף קומען מיט מיינע טעג אז א מענטש טוט זיין מאקסימם אזוי ווי מיר האבן היינט צופרי געשמוסט, (בשיעור חסידות קודם תפילת שחרית) זאגט דער אויבערשטער **והשם ברך את אברהם בכל** וועל איך שוין צולייגן דאס איבעריגע, אז אפילו די מוויטוואך'דיגע טאג וואס איז אדורך אזוי און אזוי, איז אויך גוט, פארוואס ווייל עס איז נישט דיין פראבלעם, די דארפסט קוקען אז די זאלסט מצליח זיין, טעגליך,

ווען די תורה וויל אונז זאגן אזוי ווי די זוהר הקדוש און אלע מפרשים שטעלן זיך וואס איז די ארוכות הלשון ווילאנג שרה האט געלעבט וויאזוי זי איז אוועק און פינקטליך, ביי קיין איינער פון די נביאים שטייט נישט אזא אריכות הלשון וואס וויל אונז די תורה לאזן הערן ? די תורה הק' איז דאך א ניצחיות, וואס וויל אונז די תורה פארציילן פינקליך מאה שנה עשרים שנה שבע שנים, אז רש"י זאגט כ'פארשטיי טאקע נישט פשט, רש"י מוז גיין צו א מדרש ארויס נעמען און אריינלייגן בת ק' כבת כ' אין ווי אזוי זי איז געווען וואס איז די פשט? נאר אלא מאי פשט איז אזוי, די תורה וויל אונז לאזן הערן א דרך השם וויאזוי קריכט מען ארויס, און ווי אזוי גיט מען אריין און עבודת השם, ווי אזוי איז מען מצליח, ווי אזוי כאפט מען עס אן, וואס טוט מען, אויף אלעם איז דא דרגות מ'קען נישט אנקומען צום הויכן שפיץ דרוכן געבן א שפרונג, יעקב אבינו האט גע'חלמ'ט א לייטער, ס'איז ביזן הימל מ'קען אנקומען ס'איז אבער עולים, ויורדים, מ'גייט ארויף און מ'גייט אראפ ס'גייט נישט סתם, אז מ'איז מצליח, ס'גייט נישט אזוי, זונטאג איז גוט, דינסטאג נישט, מיטוואך יא, דאנערשטאג יא, פרייטאג איז אזוי, דאס איז די לעבן פון א מענטש אין עס איז א חיזוק, אויב בין איך א איש מצליח איז עפעס נישט גוט מיט מיר, אז עפעס איז אהער, און עפעס איז אהין, איז א סימן אז איך בין א לעבעדיגע מענטש, ווייל אזוי ארבעט א מענטש, און אזוי אז מ'קומט אין ישיבה איז מען צוגעוואוינט אז טאקע אלעס הייבט זיך אן מיט א התחדשות, מ'הייבט אן מיט א פרישע זמן, איך גיי מצליח זיין דעם זמן, ס'גיבט איהם איין בלאז, געבט ער אויף, שוין איך האב געוויסט אז עס וועט אזוי זיין, איך האב אנגעהויבן די זמן געהעריג, און אלעס האט זיך אזוי פארקריפלט, כבין נישט אויפגעשטאנען פארטאגס, כ'בין נישט געווען אין מקוה, שוין ווייסטו וואס, זאל שוין אזוי.

ס'איז נישט אמת פארבינד נישט איינס מיטן צווייט'ן, ביסט דיך נאר א מענטש ס'האט זיך עפעס נישט גוט אויסגעארבעט, יעצט גייט זיין א נייע סדר, הייב אן דעם פרישע סדר, גיי ווייטער מיש נישט איינס מיטן צווייטן, ווייל דאס צוברעכט א מענטש, אין א מענטש קען נישט אנגיין אזוי, איז די פשוטע פשט פארוואס די תורה ברענגט אונז ארויס אזוי א נייע חידוש ווי אזוי שרה אמנו האט געלעבט, ווייסט ווי אזוי, דורך שטיקלעך, מאה שנה, ועשרים שנה, ושבע שנים, מ'קען נישט אנגיין און איין שאס, מען מוז מאכן א שטיקל הנחה אפגעלעבט איין זאך, לאמיך זעהן ווי אזוי איך האב געלעבט ביז יעצט, לאמיך גיין ווייטער, וואס דארף איך פארעכטן. אזוי גיבט דאס חיות אין חיזוק דורך גיין אזוי נאר לעינינו איך וויל נישט צופיל מאריך זיין מ'האט דירקט געמאכט די פתיחה דרשה ביי ליל

ששי, נישט צו לאנג צו רעדן נאר צו געבן די ריכטעגן שטופ און די ריכטיגען חיזוק אויפן נייעם זמן אויף צו גיין ווייטער, ווי אזוי מ'דארף זיך נעמען און די הענט אריין.

לאמיר זיך יעצט פארטיפען צו פארשטיין קלאער די פרשת העקידה און דאס נעטער ברענגען צו אונז צו די וואך, און ארויס נעמען קלאר וואס איז אונז מחייב, דער אויבערשטער האט געגעבן פאר גאנץ כלל ישראל די תורה און יעדער איז דארט געווען. ס'איז נישט געווען א עקסטרע בארג סיני פאר יעדן עקסטער. יעדער איז זיך צאמגעקומען כאיש אחד בלב אחד דארט איז מען זיך צאמגעקומען און מ'האט געגעבן די תורה יעדער האט באקומען די תורה און תרי"ג מצוות אלעס וואס איז נאר דא און וואס עס גייט נאך ארויסקומען יעדן חידוש, יעדן חידוש איז געגעבן געווארן פאר משה רבינו, אין דאס דארפן מיר אנעמען און מקבל זיין אין לערנען און דאווענען.

מהלכים ווי אזוי אנצוקומען צו יעדע זאך, איז יעדער איינער באשאפן געווארן דורך א צווייטע זאך ס'טייטש אזוי, יעדער איז דא פאר איין גרויסע צוועק און אנצוקומען צו דעם צוועק איז דא פארשידענע נפשות וואס דער אויבערשטער האט געמאכט איינער איז א ווייכער, איינער א גערעגטער, איינער א ווילדער, איינער א רוהעגער, יעדער איינער האט באקומען אנדערע זאכן וואס יעדער דארף אנכאפן זיין גאנג וויאזוי ער קומט צו כלליותדיגע תרה"ק, וואס מען האט געגעבן אז ער זאל זיך אנכאפן דערין, מ'קען נישט נאכמאכן יענעם ווייל יענער האט באקומען א צווייטער מהלך ווי אזוי ער דארף גיין, און דו האסט באקומען אן אנדערע מהלך ווי אזוי מ'דארף אנקומען צו דעם ציל.

יעצט לאמיר גוט פארשטיין דער אויבערשטען האט געהייסן יעדער איינעם מקיים זיין כל התורה כולה און אלע תרי"ג מצוות ווי וועט זיך ארויס זעהן אויב דער מענטש בפרטיות האט געטון עפעס זיין תפקיד וואס ער דארף צו טון ?

לאמיר אנכאפן א דוגמא אויב איך האב געבעטן א בחור ברענג מיר א קאווע זיי מוחל, און ער ברענגט מיר א קאווע וואס איז דא געשען יעצט? דא איז געשעהן איין זאך, איך האב איהם עפעס געבעטען און ער האט מיר געפאלגט, און געברענגט א קאווע איינער וועט מיר וועלן זאגן אז די בחור הייסט א בעל חסד? ניין! יעצט אז איך וויל זעהן צו ער האט א גוט הארץ ווי וועל איך עס זעהן? אז ער האט א גוט הארץ אז כ'וועל איהם זאגן ברענג מיר א בענקל? ניין! ווייל ער האט מיר ווייטער געפאלגט, ווי ווערט די רבש"ע כביכול געוואיר צו דער מענטש טוט זיין תפקיד אויף דער וועלט, צו ער טוט נישט. אז איך האב איהם געהייסן היטן שבת איז נאכנישט טייטש אז ער האט עפעס געטון בכלל, אוודאי ער האט מורא, כ'האב איהם געהייסן היטן שבת אין ער היט שבת, איך האב איהם געהייסן מטאר נישט גנבנען, ער גנבט נישט, ער האט מיר געפאלגט, יעצט ווי קומט ארויס זיין תכלית וואס ער דארף פרעזנליך טון, אויב אלע טימער די זעלבע, יעצט פארוואס בין איך דא, יעדער האט דאך א צווייטער תפקיד, וואס ער איז דא, און וואס ער דארף מצליח זיין, דאס שטעלט זיך ארויס ווען דער מענטש טוט א זאך וואס מ'האט איהם **נישט** געהייסן, אז איך האב איהם געבעטן א קאווע, ברענגט ער מיר אויך א לעפעל מיט צוקער, דאס הייסט א בעל חסד, אויב אפשר האב איך נישט ליב קיין צוקער ער ברענגט אריין א זאך וואס איך האב איהם נישט געהייסן ער האט אריינגעברענגט א לעפל מיט צוקער, אויך יעדע זאך וואס א מענטש לייגט צו, צו אזאך וואס ער דארף ווען נישט טוען, דארט קומט ארויס זיין חיות, ווער ער איז, און וואס ער איז, אז א מענטש טוט א זאך מוראדיגע פינקלעך כ'וועל נאר טון וואס די האסט מיר געהייסן. קומט אויס אז א מענטש קען אפלעבן מיט תורה און מצוות מיט מעשים טובים אין ער האט גארנישט געטון, כ'האב מיך אייביג געפלאגט, ווען איך האב געהערט ווען די רבי זאל זיין געזונט און שטארק, פלעגט איינעם אויפוועקן פארטאגס, בעטן געלט פאר צדקה, האט ער געזאגט ווען ער האט געענדיגט, יעצט הייב אויף די צוויי הענט צום הימל און זאג, **רבש"ע איך האב נאך גאר נישט געטון היינט, גארנישט געטון פאר דיר,** וואס איז פשט? ווייל דאס וואס די האסט מיר יעצט געגעבן $20.000 איז ווייל איך האב דיך אויפגעוועקט צופרי און די קענסט מיך נישט אפזאגן, ס'נאכנישט טייטש אז די האסט היינט געטון א מצוה פון חסד אדער געגעבן צדקה האסט מורא פון מיר, ווען מארגען קומסטו צו מיר ווילסטו איך זאל דיר עפעס צוזאגן, די האסט אנדערע חשבונות אבער אז די הייבסט אויף די הענט צום הימל אין די זאגסט רבש"ע איך האב נאך היינט גארנישט געטון עפעס

א שטיקל חסד, אה יעצט גייסטו טון חסד ביז יעצט האסטו געטון וואס די רבש"ע האט געהייסן א איד האט מיך געבעטן איך בין הונגעריג, איהר האט אפשר א גלעזל וואסער, יא איין מינוט ער גייט און ברענגט א גלעזל וואסער, ער האט נאך נישט געטון א חסד, דער אויבערשטער האט געהייסן ווען א איד קלאפט אריין דארפסטו געבן וואסער, ווען טוט ער חסד ווען ער זאגט, אהה קומט אריין זעצט אייך אוועק, איהר ווילט אפשר א שטיקעל מזונות, אהה דאס האט ער נישט געבעטן דאס איז טייטש איך וויל יעצט דעם איד העלפן, יעצט גיב איך ארויס וואס איך וויל, יעצט געב איך ארויס מיין תפקיד, אויף וואס איך בין דא, די וועלט, אזוי האט אונז די רבי זאל זיין געזונט כסדר געלערענט, מיר דארפען דאס ממשיך זיין.

האב איך געקלערט מען קען זאגען אזוי, אברהם אבינו האט דורך געמאכט לאמיר קודם זאגן אויף אונזער שפראך 9 נסיונות נמרוד וכו', און די רבש"ע זאגט, איך ווייס נאכאלץ נישט ווער די ביסט אלעס האסטו געמאכט, פיין און וואויל, אבער עס שטעלט זיך נאך אויס, איך בין די רבש"ע איך האב די נאכאלץ געהייסן, האסט מיר געפאלגט, האסט אלעס געטון, און איך ווייס נאכאלץ נישט ווער די ביסט. איך האב פאר דיר א נייע פארשעלונג איך וועל דיר יעצט געבן א נסיון וואס איך הייסט דיך **נישט,** נאר **קח נא** איבעראל ווי עס שטייט **קח** אז דער רבש"ע האט גערעדט אזעלכע ווייכע ווערטער צו איהם ער האט איהם געבעטן , דו מיזט נישט, קענסט מיר אפזאגן, און ער וואלט געווען גערעכט ווען ער זאגט פארן רבש"ע כ'בין דאך פארט א מענטש, אויב עס איז נישט וויכטיג, א מענטש איז א מענטש, ער האט קיין ווארט נישט געזאגט ער האט גענומען, און ער האט זיך געבעטן ביים רבונו של עולם האסט מיך געהייסן מקריב זיין לאמיך געבן עפעס א שנייד, האט איהם די רבש"ע געזאגט **אל תעש לו מאומה** זאלסט גארנישט טון פארוואס **כי עתה ידעתי כי ירא אלוקים אתה** יעצט בין איך געוואיר געווארן ווער די ביסט איך האב דיר נישט געהייסן, די האסט מיר יעצט עכט געיוואלט מהנה זיין. די האסט האסט מיר יעצט עכט ארויסגעוויזן דיין אהבה צו מיר, ווער די ביסט, פארדעם איז דעיס די איינציגצטע זאך וואס איז מגין עד סוף כל הדורות, מ'רעדט גארנישט פון די איבעריגע נסיונות, וואס אברהם אבינו איז אדורך געגאנגען מ'רעדט גארנישט דערפון, די עקידה איז נאר געווען בדרך אגב, דאס איז ווייל **כי אתה ידעתי** זעהן מיר פון דעם אז א עבודה פון א מעננטש אז איינער קומט און בית מדרש, ווען דאווענט מען 9 אזייגער? קומט אן 9 אזייגער און שטעלט זיך דאווענען, עס קען זיין אלעס פיין, און וואויל, האסט געדאווענט האסט אנגעטון תפילין, נאך עלינו אראפ מיט די תפילין. דאס מיינט נאכנישט אז די מענטש האט היינט געדאווענט קען זיין אלעס פיין אונז זעהן נישט און הימל ס'געבט אבער נאכנישט ארויס וואס די מענטש וויל ער האט געקענט דאווענען א לאנגע שמו"ע און בעטן דעם רבש"ע, כווייס נאך נישט צו ער רעדט צו מיר, אבער ווען ער זעצט זיך אוועק און זאגט 2 קפיטלעך תהילים, קיינער האט איהם נישט געהייסן אבער ער האלט יעצט אינמיטן דעווענן, אין ער וויל **דברתי דברי** ער וויל רעדן זיינע ווערטער, איך האב נאכנישט געענדיגט רבש"ע, איך האלט נאך עלינו אבער איך האב דיר נאך וואס צו זאגן, אזוי דרך אגב אפאר זאכן. אהה דער מענטש איז יעצט און א שפראך מיט מיר, ער רעדט צו מיר, אזא איינער קען זעהן ישועת און רפיאות יעדן טאג, אזא איינער ווערט געהאלפן נישט עפעס מופתים פון הונדרט יאר צוריק נאר תשע"ב

אויב עס איז אלעס ער קומט אריין צום שיעור מ'האט געזאגט מ'גייט אריין צום שיעור ער האט אויסגעהערט . ס'איז פיין און וואויל סאיז אבער נישט דעיס אז מען האט מיר בכלל נישט געדארפט ארייינשיקן צום שיעור איך בין אריינגעקומען מיט א 5 מינוט פריער איך האב זיכער געמאכט אז די שיעור זאל זיין א שיעור כהאב צוזאמגענומען די טישן און ספרים די שיעור צימער. ער לייגט צו צו דעם שיעור אז די שיעור זאל האבן א חיות. איך האב מיר דירעקט געלייגט פרי שלאפן ביינאכט ווייל אסאך מאל בייטאג, ווען איך זעץ מיר ביים שיעור, שלאף איך איין. קיינער האט מיר נישט געהייסן כהאב אינזין געהאט גראד צו גיין שלאפן דאס איז טייטש דארט שטעלט זיך ארויס אז דער בחור איז דא פאר א תכלית, אין דער וויל אנקומען, אויב ער וויל סתם דא זיין מדארף נאכנישט גיין, די מג"ש איז נאכנישט דא, אה איך קען זוצן רואיג, ניין די מג"ש איז נאכנישט דא קענסט אראפ גיין, חזר איבער גיך אביסל אפאר בלעטער פון א טאג פריער וואס איז געווען געב א קוק צו די קענסט טאקע די גאנצע גמרא, דארט שטעלט זיך ארויס דיין הצלחה ווי דער הייליגער ווילנער גאון האט געזאגט אז ער איז געוואקסן פוון די מינוטן, די מינוטן דא, די מינוטן דא, דארט האט ער געכאפט

אין טאקע פון דעם וואקסט מען, דארט איז דער הצלחה פונעם מענטש,

יעצט וועלן מיר אויך פארשטיין וואס רש"י הק' לייגט צו כולם שוין לטובה, לעינינו דאס איז זייער פאסיג פאר אונז, מ'קומט אין א ישיבה צוזאם בחורים מאכט זיך זייער אסאך מאל פראבלעמען בין אדם אדם למקום, אדער בין אדם לחבירו אין מען ווייסט נישט וויאזוי ארויסצוקריכן דערפון מדארף אלץ געדענקן סאיז דא די יסוד פון וואס די ביסט באשאפן געווארן ביסט געשטאנעןביים בארג סיני סאיז אבעער דא די אלע פונקליך אין די זייט וואס דארט קענסטו זיין די געווינער,

האב איך געהערט א מוראדיגע זאך וואס ווען נישט איך הער אז דאס איז פונעם הייליגען חתם סופר איז דאס זייער א שווערע זאך צו זאגן, די הייליגע חתם סופר זאגט עס און ער זאגט עס אויף כמה פלעצער. אויף יענע וועלט קומט מען ארויף, הייבט מען אן צו משפטן, ווי הייבט זיך אן די משפט ? די גמרא זאגט דאך שוין, אז מפרעגט האסט געלערנט, אמונה, און אזוי ווייטער, אלעס פיין און וואויל וואס איז די ערשטע זאך פאר מ'משפט? בין אדם לחבירו מהייבט קודם אן צו קוקן ווער איז דער מענטש בכלל, אפשר איז ער בכלל נישט קיין בן אדם, א חיה, לאמיר קודם זעהן ווי אזוי זיין בין אדם לחבירו איז, אזוי וועלן מיר שוין וויסען זיין בין אדם למקום, אויב קומט ער זיך דורך מיט מענטשן ער איז מצליח, אין ער גיבט נאך, לאמיר קודם קוקן אויף די זאכן ארום און ארום, זאגט די הייליגע חתם סופר אז בין אדם לחבירו ווערט נישט אנערקענט ווען א חבר בעהט איהם טובה און ער טוט איהם די טובה, בין אדם לחבירו איז דערקענבאר ווען סאיז לפנים משורת הדין, ווי ווען איינער האט איהם זייער באוועלט אין עס איז אמת, אז איך בין ברוגז ס'טוט מיר וויי כבין א מענטש און אין שלחן ערוך שטייט נאך אז איך האב נאך א היתר צו זיין ברוגז אויף איהם ווייל ער האט מיר פארשעמט ברבים, כווייס וואס, אין ער איז למ"ה אין ער זאגט, איך וויל מיך נישט קריגן, די רבש"ע האט נישט ליב ווען מען קריגט זיך, כאטשיג איך האב גארנישט געטון, כ'האב רעכט, כ'וויל אבער נישט, ער פירט זיך בא"ל למ"ה זאגט די הייליגע חת"ס אז מען איז איהם מוותר אויף בין אדם למקום, סאיז א פחד פון א ווארט.

די הייליגע חפץ חיים לייגט מער צו און ער האט געהאט אסאך מאמרים אפצושרייבן די הייליגע ח"ח פלעגט אויף שרייבן בכלל ווען ער פלעגט זעהן אונטערסאנטע זאכן ער האט געזען איינער האט איינעם געשעדיגט, האט ער עס אפגעשריבן דעמאלטס און דעמאלטס האב איך געזעהן ווי יענער האט אראפ געלאזט פאר איינעם און בית מדרש אזא פראסק און יענער האט גארנישט געענפערט, דער הייליגער ח"ח האט געוואלט זעהן ווי לאנג עס גדויארט אויב ער קען עס דערלעבן צו עס גייט עפעס גיין פארקערט דער אויבערשטער משפט דאך אזוי האט ער געהאט א ביכל אפגעשריבן, האט ער געשריבן צום סוף מערסטענס נעמט עס 30 יאר ער האט מיטגעהאלטן אזוי פיל מעשיות וואס דער וועם ער האט אראפגעלאזט א פראסק שפעטער האט יענער באקומען עפעס ענדליך צו דעם האט ער געזעהן לויטן חשבון ער דערמאנט זיך עפעס האב איך געהאט פארשריבן יא ס'איז בערך 20 - 30 יאר ער האט געזעהן אז א לענדלארד האט עפעס איינעם ארויסגעווארפן אויף די גאס א אלמנה האט ער איז פארשריבן ס'איז אדורך געגאנגען באלד 30 יאר האט ער געהערט עפעס אז ביי יענעם איז געווען א שריפה מ'האט איהם ארויסגעווארפן מיט אלע וועש קוים וואס מהאט אים געראטעווט, און עפעס האט ער געדענקט פון דעם מענטש, אה ער האט אויך אזוי אמאל איינעם ארויסגעווארפן. אזוי האט ער פארשריבן ביי זיך.

זאגט די הייליגע ח"ח ער לייגט אראפ וויאזוי עס קוקט אויס אויף יענע וועלט קומט ארויף מ'הייבט אן בין אדם לחבירו שטייט און א ליין לאמיר זאגן אז עס איז אוועק א 10 - 15 מענטשען מהייבט אן ווי אזוי איז געווען בין אדם לחבירו ענפערט ער למ"ה, יא! ער האט אוועקגעגעבן פון זיך ער האט נישט געהאלטן קיין קפידות ער האט אייביג געזאגט ס'גוט ס'פיין, מוחל געווען שנעל, איינער האט געדארפט א טובה האסט אפשר א פינעווער צו בארגן כהאב נאר א צענער מסתמא דארפסטו א צענער קענסטו מיר שוין באצאלן א צענער, יעדע זאך בין אדם לחבירו איז געווען ביי איהם פיין ס'גוט מ'האט געענדיגט, שטייט אונטער איהם נאך מענטשען און מהייבט אן, בין אדם לחבירו (מקען פון דעם נישט ארויסנעמען א למעשה וואס צו טון, איך דערצייל נאר וואס די ח"ח פארציילט,) מפרעגט ווייטער ביסט אויפגעשטאנען צו סוף זמן קרי"ש ענפערט ער ניין, אה זאגט די בית דין של מעלה ער האט זיך מסתמא געלייגט שפעט ער איז געווען פארנומען מיט הכנסת אורחים, ער איז מסתמא געפארן נעמען איינער און שפיטאל, און ער האט נישט געקענט אויפשטיין, מ'פרעגט נישט, מזאגט ! מגייט ווייטער האסט אינזינן געהאט וואס האסט געדאווענט, ניין! איך האב אפגעזאגט, אה מסתמא איז דיין מח געווען פארנומען ווייל די האסט געדארפט העלפן א איד פארן דאווענען, האסט געמוזט לויפן און באנק, וועגן די צדקה צוועקן, קיינער פרעגט איהם נישט, מזאגט איהם!

שטייט אונטער איהם א איד אין הערט, און טראכט דאס איז א עולם האמת ? איך האב דעם איד געקענט כ'פארשטיי נישט וואס דא גייט פאר, דער איז נישט געגאנגען און א באנק ער האט נישט געהאט קיין געלט און יעדע זאך ביי איהם געדאווענט, נישט געווען אה, מסתמא דאס, איך ווען איך זאל יעצט קומען און די רייע מהאט מיר געזאגט איך וואלט קיינמאל נישט אזוי מורא געהאט, אזוי גרינג און מ'גייט דורך, און אט הערט ער **און מרופט אויס, אריין און גן עדן,**

ער קומט צו מיט פעסטע טריט, מפרעגט איהם בין אדם לחבירו די האסט מוחל געווען, אז איינער האט מיך שטארק בעוולט סהאט מיר ווי געטון, אמת'דיג סהאט מיר זייער ווי געטון, גערעכט און האסט נישט מוחל געווען בשום אין אופן, האסט אמאל געטון א טובה פאר א איד, אז מ'האטמיר געבעטן ? אז איך האב געהאט די געלעגנהייט ? און פונקט האט מיין ווייב גארנישט גדארפט? איך געדענק נישט יעצט, אבער זיכער, האב איך אמאל געטון א טובה פאר איינעם, און אזוי גייט דורך יעצט קומט בין אדם למקום בוסט אויפגעשטאנען צום סוף זמן קרי"ש? ניין! 5 יאר גהינים האסט געדאווענט בכוונה און ער זאגט פארן בית דין של מעלה און וועלכן דור איך האב געלעבט דאס דאווענען האט גענומן 15 מינוט פריי דיר, אז איך האב בכלל געדאווענט, 10 יאר גהנים, איין מינוט, איך מעג עפעס פרעגן, איז דא געווען א איד בעפאר מיר איך האב אליין געהערט מהאט אויסגערעכנט די זעלבע זאכן וואס מפרעגט מיך יעצט, און עס איז גארנישט געווען, דאכט זיך מיר עטס האטס צוגעלייגט, מסתמא ס'גוט געווען ס'פיין געווען עטס האטס פארשטאנען אז דאס איז די מצב פונען דור, איך האב מיט איהם איין צייט געלעבט, וואס איז פשט מען האט מיר געזאגט אז דאס איז א עולם האמת? אין אז איעדע זאך איז אויסגערעכנט.

זאגן זיי איהם איר האט א שטיקל טעות איר האט אונז פריער געזאגט ביי בין אדם לחבירו איז געווען בייי אייך אלעס אויסגעמאסטן, אונז מעסטן מיר אויך בין אדם למקום אויך פונקטליך אז די ביסט נישט אויפגעשטאנען צו סוף זמן קריאת שמע ווענסטו בראטן פאר דעם, זאגט די הייליגער ח"ח, אז מ'טוט מער ווי וואס מדארף, יענער האט דיך נישט געבעטן אבער די ווילסט אים באמת העלפן, די טוסט בין אדם לחבירו ווישט מען דיר אפ גאנצע זאכן בין אדם למקום, ער האט געדארפט אהא פינעווער און איך האב איהם געגעבן א צענער ממש גארנישט, ווישט מען איהם אפ גאנצעטע זאכן זעהט מען פון דעם וואס וואס די מוראדיגע יסוד איז יעצט ווען א מענטש געט א קום אריין דא אויף די וועלט אין ער וויל דינען דעם אויבערשטען און ער שאקעלט זיך ביי שמונה עשרה, אבער טאמער זיין בין אדם לחבירו צווישן מענטשהייט ווי אזוי ער לעבט קלאפט עס נישט געהעריג, איז א גרויסע פראבלעם ווי אזוי מקוקט אן זיין אדם למקום.

וועגן דעם קומען בחורים אין א ישיבה דארט מאכן זיך די מערסטע פראבלעמן, בין אדם לחבירו דארט איז די גריגסטע און די בעסטע זיך אויצלערנען ווי אזוי איך זאל דורך ווישן מיין לעבן ווי אזוי איך זאל צוקומען אז בין אדם למקום זאל איך מצליח זיין און דער אויבערשטער העלפט און ער געבט הצלחה,

לענינו האמיר יעצט פארשטאנען וואס דא גייט פאר ויהי חיי שרה מאה שנה, האב איך געקלערט אזוי צו זאגען, און דאכט זיך מיר אז די נועם אלימלך זאגט ענדליך צו דעם געדאנק, די גמרא זאגט **"אל תקרא מה אלא מאה מה השם שואל מעמך כי אם ליראה אל תקרא מה אלא מאה "** מדארף זאגן מאה ברכות,

שרה אמינו געט אונז א דרך דא, ווייל ס'שטייט און די ספרים אז שרה גייט ארויף אויף די שכינה הק' אויף די נשמה הקדושה, גיבט אונז ארויס א דרך ווי אזוי מען דארף מצליח זיין אין לעבן די ערשטע זאך איז מה, די מאה, איז מה, קודם דארפסטו ביי דיך האלטן איך בין נישט אזוי גרויס אז כ'דארף אזוי שטארק וואטשען אויף מיין כבוד, איך האלט מיר קליין, אז די האלטס דיר קליין, קענסטו אנקומען דענמאלטס קענסטו מצליח זיין, קענסטו טוהון יעדע זאך, וואס מהייסט

דיר קענסטו פאלגן דענמאלטס קענסטו מצליח זיין, און דאס איז וואס אונז זעהן מיר די וואך ביי אברהם אבינו ע"ה.

אברהם אבינו וויל האבן די מערת המכפילה בייגט ער זיך, איין מאל, בייגט זיך נאכאמאל, ער האלט זיך אין איין בייגן, פארוואס וויל די גמ' זאגט **אמר ר' יצחק הכל בזכות השתחוויה** פאר א מענטש וואס וויל אנקומען עפעס אלעס קומט בזכות **השתחוויה** און די גמ' גיבט א גאנצע צעטיל וואס און ווי די השתחווי איז אלץ געווען אפילו משיח צדקינו וועט אויך קומען ווי סשטייט **והיה ביום ההוא השתחווי להר ה'** וועט מען ער זיך אויך ביקען מקען נישט צוקומען צו גארנישט נאר אז מבייגט זיך,

אז א בחור וויל מצליח זיין אין א ישיבה דארף ער זיך קודם בייגן, אמפער זיך נישט מיט א יעדעם איינעם, נישט מיט א משגיח, א מגי"ש, מיט קיינעם פרוביר דיך צו האלטן אינגעבויגן מ'דארף יעצט אריין גיין גיי אריין מדארף פאלגען, מהאט געהייסן, טענה דיך נישט, זיי נישט קיין אויבער חכם, פרוביר נישט, קודם בייג דיך אז די בייגסט דיך וועסטו מצליח זיין. דאס איז דער ערשטע יסוד,

ויהי חיי שרה מאה שנה די ערשטע זאך איז כ'בין גארנישט כ'דארף מיר בייגען, נאכדעם קומט די צווייטע זאך ועשרים שנה, וואס איז עשרים שנה זאגט די הייליגער ר' אלימלך, איז כתר עשרים באטרעפט 620 וואס איז 620 אונז האבן 620 זאכן וואס ליגט אויף אונז תרי"ג מצוות איז 613 און נאך 7 וואס די חכמים האבן צוגעלייגט. דאס איז עירב תבשילין, וכו', וואס די אלע 7 מצוות ואס די חכמים האבן צוגעלייגט דאס האט אויך אברהם אבינו מקיים געווען און אז די ווילסט אנקומען צו ועשרים שנה מוז קודם זיין מאה שנה קודם מוז זיין "מה" נאכדעם קענסטו אנקומען צו ועשרים אז די זאלסט האבן די כתר די 620 ואחרי ככלות הכל די גאנצע געדאנק אנצוקומען ווייטער איז נאר בשבע שנים מ'זאל עס האלטן און איין חזרן אז אלעס איז בכח שבת קודש, די שבת קודש געבט אריין די השפעה אויפן גאנצע וואך, יעדע שלימות איז זיבען, אז מען וויל האבען אין זיך דעם שלימות מיז עס גיין נאר דורך זיבען, די שבת קודש גיבט אלעס אריין.

כהאב יעצט פריער געעפענט א שם משמואל צו כ'געדענק נישט וועלכע ספר סאיז געווען דא, שטייט דארט א פחד פון אווארט שבת האט יעדער איינער א אפענע טיר ביים רבש"ע פארוואס? ווייל שבת קודש טאר מען נישט מאכן בורר די אויבערשטער קען נישט יעצט שבת זאגן עה די ביסט א גאנצע וואך געווען דאס און דאס ער טאר נישט מאכן בורר שבת קודש, איז שבת איז אז יעדער באקומט די השפעה יעדער באקומט א נשמה קדושה א נשמה יתירה,  שבת קודש טאר נישט זיין קיין בורר מטאר נישט קלאבן און אז מטאר נישט קלאבן דענמאלטס איז די מנוחה אז איך בין פונקט ווי יעדעם, און איך דארף נישט זיין באזארגט אוי וואס וועט זיין, קוק ווער איך בין, דאס איז א מוראידגע זאך דאס איז געווען שרה אמינו אזוי האט זו געלעבט,

ענדיגט די פסוק צו שני חיי שרה, שרה האט געהאט צווייי לעבען'ס בין אדם לחבירו און בין אדם למקום זאגט רש"י ביי שרה אימנו איז געווען אלעביידע כולם שווין לטובה זו איז געווען אויסגעהאלטן בין אדם לחבירו גראד אינגאנצען און בין אדם למקום אויך, זו איז געווען דארט למ"ה און בין אדם למקום למ"ה, דאס איז רש"י מסביר. און דאס וויל אונז די תורה לאזן הערן אז אנצוקומען צו אזא לעבען און צו מצליח זיין די גאנצע 120 יאר וואס א איד לעבט אויף די וועלט די גאנצע חיות וואס א מענטש האט, מוז עס זיין שני חיי שרה די צוויי לעבענס וואס די האסט, צו עס איז עולם הזה אדער עהב"ה ברחניות וגשמיות. בין אדם לחבירו די וועסט מצליח זיין וועסטו אנקומען צו בין אדם למקום זאגט רש"י כלם שווין לטובה!

זאל דער אויבערשטער העלפן אז די אלע זאכן וואס אונז שמוסען דא אויס, אונז האבן היינט אריינגעלייגט כוחות אויסצולערנען דעם עולם וואס איז דאס קבלות עול און וואס איז דאס מסירת נפש, דער אויבערשטער  וויל א קבלת עול.

ווען מקומט וועקן אינדערפרי, כ'בין זייער מיד כ'האב נישט קיין כח. די רבש"ע דארף קודם די קבלת עול קודם וויל, קום ארויס פון בעט מגייט און מקוה טו וואס יעדער טוט, זיי מקבל דעם עול אז די האסט דעם עול וועט דיר אלעס זיין גרינגער וועסט דיר נישט דארפן פלאגן מיט יעדע זאך באזונדער, דער אויבערשטער האט געגעבן קודם כל די פיקטשער אוועראל דארפסטו האבן די קבלת עול, אז די האסט די קבלת עול. שטייט פון צדיקים, א מעשה פון איינעם פון די צדיקים וואס איך קען זיך נישט יעצט דערמאנען ביי ווען דאס איז געווען, דער צדיק איז געווען שרעקליך קראנק האט מען איהם געטראגן אויף א אפרו פלאץ ער האט נעבעך גאנישט געקענט טון ער איז געווען שוואך ער האט נעבעך נישט געהאט קיין כח איז ער געזעצן אונדרויסן, אפען פעלד, און די זון האט געברענט האט ער געבעטן אז מזאל איהם ברענגן זיין בעקיטשע מיט זיין הוט און זיין רעשוואלקע, ער האט זיך אנגעטון אלעס, און זיך אוועקגעזעצט אינמיטן פעלד, און עס האט אנגעהויבן צו רינען שווייס און די גבאים האבן נישט געוויסט וואס איז דאס, זענען זיי צוגעגאנגען צום רבין און געפרעגט אפשר... וואס? ער האט ער זיי געזאגט כבין אלט און קראנק אין שוואך איך קען פארן רבש"ע גארנישט טון, איין זאך קען איך טון זוצן פארן רבש"ע מיט א עול, אנטון אלעס דאס קען איך יעצט טון נישט מער, דאס האט די רבש"ע ליב זיצן מיט א עול אז א מענטש האט דאס, האט ער אלע טויערן אפען פאר איהם, דאס איז ווען מקומט און ישיבה ווען א בחור וויל וויסן צו ער איז מצליח די ערשטע זאך וואס מפרעגט צו ער קען טראגן א עול צו ער ווייסט וואס עס מיינט א עול שטייט אויף, ער גייט אריין צום שיעור, ער טראגט זיין אייגענעם אחריות, מדארף נישט יעדע זאך צוקייען, ער אליין וויל מיטהעלפן אז דאס פלאץ זאל מצליח זיין, איעדע זאך דארף מען מחזק זיין דא האט מען געמאכט תקנות הישיבה קען זיין אנדערע פלעצער ווייס איך נישט ווי אזוי עס גייט, נישט ווייל מהאט געזוכט ווי מקען לייגן א שטיקעל פרעשור, ווי קען איך איהם געבן עפעס אז ער זאל וויסן אז ער איז און א ישיבה, און אז עס איז נישט קיין הפקר פלאץ.

די גאנצע סדר היום איז אויגעשטעלט לויט די דרך החיים ווי דער מענטש איז אז מען זאל זיין א נארמאלע מענטש ווי אזוי זיין טאג זאל אויסקוקן א צופרי א נאכט א אינמטון טאג א עול ער גייט ארויס אויף די גאס טו דיר אן מענטשליך די זעצט זיך אוועק עסן א סעודה טו דיר אן א הוט, מלערנט דאס אויס פאר מענטשליכקייט די ביסט א בן מלך ביסט א נארמאלע מענטש, טו דיר אן אין עס, פארוואס ווייל מען איז צוגעוואוינט פון די פרייע וועלט טוט וואס ער וויל און פארדעם זענען אונז אפגעטיילט אונז זעמיר דא ווייל אונז ווילמיר נישט זיין ווי די פרייע וועלט, ניין, אונז ווימער מצליח זיין, און טון וואס מדארף און וואס מדארף, דאס איז אונזער לעבן דאס איז מאה שנה נישט קיין חילוק צו זי האט געהאט מיט ישמעאל די לעבן איז כולם שווין לטובה, ווייל מהאט געלעבט מיט  א ציל, מיט א עול, און מען איז מצליח דענמאלטס הייסט דאס לעבן א לעבן, כהאף אז אידער איינער האט פארשטאנען.

ס'קומט יעצט שבת קודש לערנסט ענק אויס איין זאך נישט ווען די זמן מצש"ק איז, איז שוין ברוך המבדיל, ווייל דענמאלטס ווייס איך נאכנישט צו כהאב געהיטן שבת אז כהאב צוגעלייגט אפאר מינוט 10 - 15 מינוט אה זאגט די רבש"ע יעצט האט ער געהיטן שבת ווייל ער וויל מיך מהנה זיין ער וויל טון דעם רצון השם ער האט געלייגט תפילין 2 מינוט פאר מען האט געדארפט ער האט עס אויסגעטון א 2 מינוט שפעטער יעדע זאך האט ער צוגעלייגט וואס ער מוז דארטן ווערט נתגלה כי אתה ידעתי כי ירא אלוקים אתה.

זאל דער באשעפער העלפן אונז זאלן קענען טון דעם אמת'ן רצון השם וואס אונז דארפן טון, און אונז אליין זאלן באמת זיין בשמחה, אזוי ווי און דעם פלאץ פארלאנגט מען אלץ אז מען זאל זיין בשמחה, אונז זאלן מצליח זיין יעדער ביי זיך, ברחניות ובגשמיות זאל גיין גרינגערהייט, אין נישט האבן קיין שטערונגען, און טאטע מאמע זאלן זעהן נחת, און יעדער איינער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס מ'דארף, דער אויבערשטער זאל העלפן, אונז זאל מיר קענען ענדיגן די זמן בשטו"מ און יעדער זאל וויסן אז ער האט אויפגעטון און קונה געווען, ער זאל זיך נישט דארפן שעמען אפילו ווען עס קומט בין הזמנים, און ער זאל זיך נישט שעמן פון זיינע אזוי גערופענע לעבעדיגע חבירים, ער זאל זאגען מיט אשטאלטץ, די ביסט ליידיג, און איך בין נישט ליידיג, איך בין געוואיר געווארן וואס עס מיינט אן עול. זאל דער הייליגער באשעפער העלפן געזונטערהייט און דורכן שבת קודש זאלן מיר מצליח זיין אז מטאר נישט האבו קיין בורר זאל דער אויבערשטער שוין אויסקלויבן אלע אויף איינמאל צום מלך המשיח צדקינו במהרה בימנו אמן.

הגליון הזה נתנדב לרפואת שלימה

**לכ"ק מרן רבינו משולם פייש בן צירל שליט"א**

**ולהרב ישעי' יעקב בן ריזל שליט"א**

Typesetting & Design By: ArtisticDesign